# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת משפטים

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד
054-8494370

# תוכן הענינים

## זִיךְ זָארגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן

אַ מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט, אִיז נָאר אַ שׁוֹמֵר ...... ה
דֶער גְרוֹיסְקַייט פוּן טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן ...... ז

## מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק

דֶער הַארְבְּקַייט פוּן שֶׁקֶר ...... יב
דֶער שֶׁקֶר בְּלֵייבְּט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְש ...... יג
וֵוייל עֶס אִיז דָא אוֹפַנֵּי הֶתֵּר דַארְף מֶען זִיךְ מֶער מַרְחִיק זַיְין ...... יג
עַלְמָא דְשִׁיקְרָא ...... יד
וָואס אִיז דֶער וֶועג אָנצוּקוּמֶען צוּם מִדַּת הָאֱמֶת ...... טז
דִי הַשְׁפָּעָה פוּן אֱמֶת אוֹיף אַלֶע דִּבּוּרִים פוּן דֶעם מֶענְטְש ...... יז
דוֹבֵר אֱמֶת אֲפִילוּ בִּלְבָבוֹ ...... יח

# פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים

## זִיךְ זָארגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן

☆ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט, אִיז נָאר אַ שׁוֹמֵר ☆ דֶער גְרוֹיסְקַייט פוּן טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן

**כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי** (כא ב)

**פָּרָשַׁת** מִשְׁפָּטִים הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי פָּרָשָׁה פוּן אַ גַּנָּב וָואס מֶען פַארְקוֹיפְט צוּ זַיין אַן עֶבֶד, רַבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַצַ"ל הָאט גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה נָאךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דִי מִצְוָה פוּן פַארְקוֹיפְן גַּנָּבִים? פַארְוָואס פַאנְגְט מֶען נִישְׁט אָן גְלַייךְ נָאךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה מִיט עֶפֶּעס אַ 'וַוארֶעמֶע' מִצְוָה, וִוי לְמָשָׁל - יוֹם כִּפּוּר, שַׁבָּת וְכַדוֹ'?

**אוּן** עֶר עֶנְטְפֶערְט, אַז בַּיי דִי גוֹיִם, וֶוען מֶען כַאפְּט אַ גַּנָּב שְׁפַּארְט מֶען אִים אַיין אִין תְּפִיסָה אוֹיף אַ שְׁטִיק צַייט, צוּזַאמֶען מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע פַארְבְּרֶעכֶער, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיס אִיז עֶר פִיל עֶרְגֶער פוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין.

**צוּלִיבּ** דֶעם אִיז דִי עֵצָה פוּן דִי תּוֹרָה, אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן צוּ וואוֹינֶען פַאר זֶעקְס יָאר בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַ שֵׁיינֶער בַּעַל הַבָּיִת, אוּן דָארְט וֶועט עֶר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען וִוי אֲזוֹי מֶען פַארְדִינְט כָּשֵׁרֶ'ע גֶעלְט, אוּן וִוי אֲזוֹי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ מִיט גֶעלְט עַל פִּי תּוֹרָה, מֶען טוּט מִצְווֹת דֶערְמִיט, אוּן מֶען גֶעבְּט מַעֲשֵׂר אָדֶער אֲפִילוּ חוּמָשׁ דֶערְפוּן וְכוּ', וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז דִי גֶעלְט אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, [אַ מֶענְטְשׁ אִיז סַךְ הַכֹּל אַ גַּבַּאי, וָואס בַּאקוּמְט גֶעלְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז מְמֻנֶּה דָאס אוֹיסְצוּטֵיילְן פַאר צְדָקָה, אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט קָאמִישֶׁע"ן].

### אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט, אִיז נָאר אַ שׁוֹמֵר

**דֶער** עִנְיָן פוּן רֵיינֶע כָּשְׁרֶ'ע גֶעלְט שְׁטֵייט אִין 'חֲתַ"ם סוֹפֵר' (תורת משה) **אוֹיף** דֶעם וָואס שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי פָּרָשָׁה (כב, ו-ז) **כִּי יִתֵּן אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ** אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גֶעבְּן פַאר זַיין חָבֵר, **כֶּסֶף אוֹ כֵלִים לִשְׁמוֹר** גֶעלְט אָדֶער כֵּלִים אָפְּצוּהִיטְן, **וְגֻנַּב מִבֵּית הָאִישׁ** אוּן עֶס וֶועט גֶע'גַנְבֶ'עט וֶוערְן פוּן דִי שְׁטוּבּ פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, **אִם יִמָּצֵא הַגַּנָּב** אוֹיבּ דֶער גַּנָּב וֶועט גֶעפוּנֶען וֶוערְן **יְשַׁלֵּם שְׁנַיִם** זָאל עֶר בַּאצָאלְן דָאפְּלְט, **אִם לֹא יִמָּצֵא הַגַּנָּב** אוֹיבּ דֶער גַּנָּב וֶועט נִישְׁט גֶעפוּנֶען וֶוערְן **וְנִקְרַב בַּעַל הַבַּיִת אֶל הָאֱלֹקִים** וֶועט דֶער שׁוֹמֵר זִיךְ דַארְפְן שְׁטֶעלְן פַאר בֵּית דִין **וְגוֹ'**.

**טַייטְשְׁט** דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר, **כִּי יִתֵּן אִישׁ – אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן**, 'אִישׁ' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הַשֵּׁי"ת, אֲזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שמות טו, ג) **ה' אִישׁ מִלְחָמָה, אֶל רֵעֵהוּ – פַּאר אַ אִיד**, 'רֵעֵהוּ' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אִידְן, אֲזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (משלי כז, י) **רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ אַל תַּעֲזֹב** [דַיין פְרַיינְד אוּן דֶער פְרַיינְד פוּן דַיין טַאטְן [דָאס מֵיינְט הַשֵּׁי"ת] זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּער לָאזְן], קוּמְט אוֹיס אַז אוּנְז וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'דִי פְרַיינְד פוּן הַשֵּׁי"ת', **כֶּסֶף – גֶעלְט, אוֹ כֵלִים – אָדֶער כַּשְׁרוֹנוֹת, לִשְׁמוֹר – אָפְּצוּהִיטְן** עֶס צוּ נוּצְן נָאר אוֹיף זַאכְן וָואס דֶער בַּעַל הַבַּיִת דֶערְפוּן ווִיל אַז עֶס זָאל גֶענוּצְט וֶוערְן דֶערְפַאר.

**אַז** אֵיינֶער הָאט גֶעלְט, דַארְף עֶר ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז נָאר אַ גַּבַּאי צְדָקָה, עֶר אִיז אַ שׁוֹמֵר אוֹיף דִי גֶעלְט פוּן הַשֵּׁי"ת, אוּן עֶר דַארְף טְהוּן זַיין אוֹיפְגַאבֶּע אַלְס אַן עֶרְלִיכֶער שׁוֹמֵר, צוּ גֶעבְּן מַעֲשֵׂר אָדֶער חוּמְשׁ, לוֹיט זַיין מַדְרֵגָה [דֶער שׁוֹמֵר בַּאקוּמְט אַכְצִיג נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט קָאמִישָׁא"ן, אֲזוֹי וְוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט].

**אַזוֹי** אוֹיךְ בְּנוֹגֵעַ כַּשְׁרוֹנוֹת, סַיי אִין לֶערְנֶען אוּן סַיי אִין גַשְׁמִיּוּתְ'דִיגֶע עִנְיָנִים, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דִי כַּשְׁרוֹנוֹת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פַאר עֲבוֹדַת ה' אוּן אוֹיף אַרוֹיסְ־צוּהֶעלְפְן אִידְן.[א]

**וְגֻנַּב** מִבֵּית הָאִישׁ – אוֹיבּ וֶועלְן דִי זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם גֶע'גַנְבֶ'עט וֶוערְן פוּן הַשֵּׁי"ת אַז עֶר וֶועט נִישְׁט טְהוּן מִיט דֶעם דִי רָצוֹן ה', **אִם יִמָּצֵא הַגַּנָּב – אוֹיבּ וֶועט מֶען אִים כַאפְּן מִיט דִי גְּנֵיבָה** אַז עֶר וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טְהוּן, **יְשַׁלֵּם שְׁנָיִם – וֶועט עֶר דַארְפְן בַּאצָאלְן דָאפְּלְט רַחֲמָנָא לִצְלַן** אֲזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (ישעיהו מ, ב) **כִּי לָקְחָה מִיַּד ה' כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ** [אַז כְּלָל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן דָאפְּלְט וְוי נֶעבֶּעךְ אִירֶע זִינְד][ב].

**אָבֶּער אִם לֹא יִמָּצֵא הַגַּנָּב – אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים נִישְׁט טְרֶעפְן אַלְס גַּנָּב,**

---

**א.** ווען א מענטש האט באקומען כשרונות דארף ער וויסן אז דאס איז א מתנה פון השי"ת און ער דארף עפעס טוהן דערמיט. דער פשעווארסקער רבי שליט"א האט מיר אמאל געזאגט, **אז א מענטש קען זעהן לויט די כשרונות וואס ער האט באקומען, וואס מ'פאדערט פון אים אין הימל.**

עס ווערט געברענגט אויף דעם וואס מיר זאגן אין אהבה רבה "לשמור ולעשות ולקיים", **לשמור** מיינט לא תעשה'ס, און **לעשות** מיינט עשה'ס, אבער וואס איז דאס "לקיים"? וואס לייגט מען צו מיט דעם?.

נאר יעדע מענטש האט באקומען א געוויסע כשרון און כח פון הימל, וואס דער כח דארף אים העלפן צו דינען השי"ת, און מיר דאווענען אז דער אייבערשטער זאל אונז העלפען ארויס ברענגען אונזערע כשרונות און כוחות. ענדליך צו דעם ווערט געברענגט פון הרה"ק רבי רבי הערש פון רימנוב זצ"ל ווי ער טייטשט אז לקיים מיינט אז יעדער מענטש האט א חלק אין איין מצוה וואס אויב ער כאפט אן די מצוה העלפט עס צו פאר אלע מצות.

**ב.** עס קען זיין אז די טעם פארוואס מען באצאלט דאפלט, איז ווייל א מענטש האט דאך א

**ווייל ער האט תְּשׁוּבָה גֶעטוּען, וְנִקְרַב בַּעַל הַבַּיִת אֶל הָאֱלֹקִים – וֶוערְט דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה נָאנְט צוּ השי"ת** אֲזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (ברכות לד:) בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד.

**אָבֶּער** בִּתְנַאי **אִם לֹא שָׁלַח יָדוֹ בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ**, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אִין עִנְיָנִים פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, וֵוייל אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען דַארְף דַוְקָא אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם חָבֵר[ג].

**אוּן** צוּ דֶעם קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִדַּבֵּק אִין דִי מִידָּה פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ (מדת המלכות), אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז אַלְס וָואס עֶר הָאט אִיז נִישְׁט זַיינְס נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אֲזוֹי וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט זַיין גַאנְצֶע מְלוּכָה אוּן מִיט זַיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער אִיז עֶר נָאכְאַלְץ אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, וִוי עֶר זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קאפיטל פ"ו) **כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי**, אוּן עֶר וֵויסְט דָאס, וַוייל עֶר אִיז אַ חָסִיד אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט ווייטֶער **שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי**, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז אַלְס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף צוּ קֶענֶען נֶהֱנֶה זַיין פוּן דִי אַלֶע נְכָסִים.

## דֶער גְרוֹיסְקַייט פוּן טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן

**אִין** הַקְדָּמָה צוּם סֵפֶר מִקְדַּשׁ מֶלֶךְ (עמוד 46) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בְּשֵׁם סֵפֶר מַסָּעוֹת יְרוּשָׁלַיִם (מונקאטש תרצ"א – עמ' ר"ב): וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב זי"ע אִיז גֶעוֶוען אִין עִיר הַקּוֹדֶשׁ צְפַת אוֹיף שַׁבָּת, הָאט עֶר פַארְ'ן בֶּענְטְשְׁן פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת – שְׁטַארְק אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעווְאוֹינְט אִין צְפַת, אוּן עֶר הָאט דַאן פַארְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין זֵיידֶע מָרָן רַבִּי שְׁלֹמֹה'לֶע זי"ע.

**ס'אִיז** גֶעוֶוען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס הָאט גֶעווְאוֹינְט אִין צְפַת [דֶער מַהֲרַ"שׁ זי"ע הָאט גֶעקֶענְט דֶעם אִיד] הָאט פַארְצֵיילְט פַאר זַיין שְׁוֶוער [פוּנְ'ם מַהֲרַ"שׁ] הרה"ק ר' שְׁמֶעלְקָא מִסַּאסוֹב זי"ע, אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַ כְּתַב יַד אוֹיף מַסֶּכֶת שַׁבָּת פוּן הגה"ק ר' שָׁלוֹם בּוּזַאגְלוֹ זי"ע, דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן סֵפֶר מִקְדַּשׁ מֶלֶךְ אוֹיפְ'ן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אוּן אִין דִי הַקְדָּמָה פוּן דִי כְּתַב יַד הָאט הגה"ק ר' שָׁלוֹם בּוּזַאגְלוֹ זי"ע אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַלֵיין:

---

זיווג, און דער מאנ'ס כשרונות דארפן ווערן אויך געניצט פאר זיין זיווג, און זי האט דאך אויך כישרונות וואס מען דארף אויסנוצן פאר די רצון ה', סיי פאר זיך סיי פאר איר מאן, צוליב דעם אויב ווערן די כישרונות פון דעם זיווג נישט גענוצט פאר די רצון ה' באצאלט מען דאפעלט פארביידע.

**ג.** כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א פארציילט בשם הגה"ק רבי אליהו לאפיאן זצ"ל אז ער האט אמאל געזאגט בדרך צחות **ונקרב בעל הבית אל האלקים** ווי אזוי קען א בעל הבית'ישער איד ווערן נאנט צו השי"ת, **אם לא שלח ידו במלאכת רעהו**, אז ער טשעפעט נישט קיין מענטשען.

**דִי** מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף פוּן לָאנְדָאן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כְּדֵי זִיךְ צוּ בַּאזֶעצְן אִין עִיר הַקּוֹדֶשׁ צְפַת, אֵיין עֶרֶב שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאט זִיךְ דִי שִׁיף אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט בַּיי אַ יַבָּשָׁה, אוּן אַסַאךְ רֵייזֶנְדֶע זֶענֶען אַרָאפּ פוּן דִי שִׁיף כְּדֵי זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּצוּרוּעֶן, אוּן דֶער 'מִקְדַּשׁ מֶלֶךְ' אִיז אוֹיךְ אַרָאפּ פוּן דִי שִׁיף, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְשְׁפַּאצִירְט אִין וַואלְד פַּארְטְרַאכְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר אִיז אַרַיין צוּ טִיף אִין וַואלְד אוּן עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּם יָם, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט צוּ זַיין שְׁרֶעק אַז דִי שִׁיף אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעפָארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אִין אַן אוּמְבַּאקַאנְטֶע וַואלְד וִוי עֶס וְואוֹינֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דִי זוּן גֵייט שׁוֹין אוּנְטֶער, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אִיז שׁוֹין שַׁבָּת.

**עֶר** אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פְּלַאץ וִוי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרִיעֶר, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט צוּ זַיין וְוִינְדֶער, אַז טִיף אִין וַואלְד שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע הֶערְלִיךְ שֵׁיינֶער בִּנְיָן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר, עֶר הָאט אָבֶּער מוֹרָא גֶעהַאט אַהִינְצוּגֵיין, ווייל אֶפְשָׁר אִיז דָאס אַ פְּלַאץ פוּן רוֹיבֶּער אוּן בַּאנְדִיטְן, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן אָדְלֶער אוּן עֶס הָאט אִים גֶעוִויזְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אִיר, עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דִי אָדְלֶער, אוּן דִי אָדְלֶער הָאט אִים גֶענוּמֶען בִּיז צוּ דִי טוֹיעֶר פוּן דִי בִּנְיָן, זֶעהְנְדִיג אַז דִי אָדְלֶער הָאט אִים אַהִינְגֶענוּמֶען בְּדֶרֶךְ נֵס, הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען יָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי בִּנְיָן.

**עֶר** הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אִים אַ הֶערְלִיכֶע פְּרַאכְטִיגֶע הֵיכָל אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער פוּן אֵיין צִימֶער צוּם צְוֵוייטְן, אַלֶע צִימֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוואלְדִיג שֵׁיין, אוֹיסְגֶעצִירְט מִיט טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, דִי וַוייְלְן זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט מִיט גָאלְד, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט טֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע כֵּלִים, אַ שֵׁיינְקַייט וָואס אַ לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אוּן עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אִין גַּן עֵדֶן, אוּן עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט הַשֵּׁי"ת פַאר'ן אִים צוּשְׁטֶעלְן אַזַא גוּטֶע פְּלַאץ צוּ זַיין אוֹיף שַׁבָּת.

**גְרֵייטְנְדִיג** זִיךְ פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, הָאט עֶר זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר הַשֵּׁי"ת – אַז זַיין מִנְהָג אִיז זִיךְ צוּ טוֹבֶל'ן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אִין אַ זַייטִיגֶע צִימֶער, אַ מִקְוָה! נָאכְ'ן זִיךְ טוֹבֶל'ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מַיין מִנְהָג אִיז צוּ אָנְטוּן פִיר בִּגְדֵי לָבָן לְכָבוֹד שַׁבָּת", אוּן גְלַייךְ הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אָנְגֶעגְרֵייט פִיר וַוייסֶע קְלֵיידֶער! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מַיין מִנְהָג אִיז צוּ לֶערְנֶען דוּרְכְ'ן שַׁבָּת - מַסֶּכֶת שַׁבָּת – אוּן אָנְפַאנְגֶען שׁוֹין פוּן עֶרֶב שַׁבָּת", גְלַייךְ הָאט עֶר גֶעזֶעהְן פַאר זִיךְ אַ שֵׁיינֶע גְּמָרָא מַסֶּכֶת שַׁבָּת! דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "מַיין מִנְהָג אִיז טוֹעַם צוּ זַיין עֶרֶב שַׁבָּת – פוּן דִי מַאֲכְלֵי שַׁבָּת", גְלַייךְ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אִים אַ טִישׁ אוּן אוֹיף דֶעם גֶעשְׁמַאקֶע פִישׁ!

**אוּן** אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען גְּמָרָא מַסֶּכֶת שַׁבָּת אָנְגֶעטוּן אִין דִי וַוייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן עֶס אִיז אִים דֶעמָאלְטְס

בַּייגֶעפַאלְן זֵייעֶר אַסאךְ גֶעוַואלְדִיגֶע חִדּוּשִׁים אוֹיף דִי גְמָרָא.

**דֶערְנָאךְ** הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אָנְגֶעגְרֵייט לִיכְט אִין אַ לַייכְטֶער, מִיט אַ בְּרֶענֶענְדִיגֶע צִינְדֶער אוֹיף צוּ אָנְצִינְדְן דִי לִיכְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי לִיכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת.

**פְּלוּצְלוּנְג** הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי אִין אַ זַייטִיגֶע צִימֶער נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען מֶענְטְשְׁן, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, אָבֶּער דִי טִיר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט, פוּן דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פוּן הִימְל אַרַיינְצוּגֵיין אִין דֶעם הֵיכָל, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי אִין דֶעם הֵיכָל פַאנְגְט מֶען אָן צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה, הָאט עֶר אָנְגֶעטוּן אַ טַלִית אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶעדַאוֶוענְט מִיט זֵיי מִנְחָה אוּן קַבָּלַת שַׁבָּת מִיט מַעֲרִיב, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אִים אַ פֵיינֶע סְעוּדָה חַלוֹת פִישׁ אוּן פְלֵייש אוּן נָאךְ פִילֶע גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלֵי שַׁבָּת, נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן הָאט עֶר פְּלוּצְלוּנְג גֶעפוּנֶען אַ גֶעדֶעקְטֶע בֶּעט מִיט קִישֶׁענֶעס אוּן דֶעקֶעס, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן.

**שַׁבָּת** קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶע'טוֹבֵלְ'ט אִין דִי מִקְוֶה, אוּן פּוּנְקְט וִוי בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאם אִין דִי אַנְדֶערֶע הֵיכָל, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ זִיסְקֵייט, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶעדַאוֶוענְט מִיט זֵיי, בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מֶען רוּפְט אוֹיס צוּ עוֹלֶה זַיין דִי שִׁבְעָה רוֹעִים – אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף אוּן דָוִד, אוּן עֶס הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען אַ צִיטֶער זֶעהְנְדִיג אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ טַאקֶע אִין גַּן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן, נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעפוּנֶען אַ גַאנְצֶע סְעוּדָה, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, בַּיי מִנְחָה הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעהֶערְט וִוי מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם אִין דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע הֵיכָל צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶעדַאוֶוענְט מִיט זֵיי שְׁטֵייעֶנְדִיג אִין זַיין הֵיכָל, אַזוֹי וִוי בַּיי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע תְּפִילוֹת, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעגֶעסְן שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן פִישׁ וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעגְרֵייט פוּן הִימְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת.

**וֶוען** עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֶוערְן נַאכְט, הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע מִידְקֵייט, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר וֶועט אַיינְשְׁלָאפְן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, מִמֵּילָא הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואשְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ אוּן עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין זַיין בֶּעט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹם'ט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָלוֹם.

**וִוי** עֶר שְׁטֵייט בַּיים בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה, אוּן עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִין דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן דִי בֵּית דִּין קוּקְט אִיבֶּער יֶעדְנְס מַעֲשִׂים, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַרוֹיס אוֹיף יֶעדֶעם אַ פְּסַק, וֶוען זֵיי פַּסְקְ'נֶען אוֹיף אֵיינֶעם אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק, וֶוערְט גְלַייךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען רוּפְט אוֹיס 'פַּנּוּ מָקוֹם, מַאכְט פְּלַאץ

אִין גַּן עֵדֶן', און אַזוֹי גֵייעֶן אַרִיבֶּער פִּילֶע נְשָׁמוֹת.

**אִינְמִיטְן** אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ נְשָׁמָה פוּן אַן עֶלְטֶערְן אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ קְרֶעטְשְׁמֶע נֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט צְפַת, וָואס אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִין דֶעם שַׁבָּת, און מֶען הָאט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק גָּמוּר, אִינְמִיטְן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אַ שְׁוַוארְצֶע מַלְאָךְ, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְפִירְן אַז דֶער מֶענְטְש אִיז נִישְׁט קֵיין צַדִּיק, וַוייל אֵיינְמָאל שַׁבָּת קוֹדֶש אִיז אַן אַרַאבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ אִים און עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפְן אַ גֶעוִויסֶע סָארְט בְּרָאנְפְּן [וָואס זֵייעֶר רֶעלִיגְיֶע לָאזְט טְרִינְקֶען], און וֶוען דֶער אִיד הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז שַׁבָּת הַאנְדְלְט עֶר נִישְׁט, הָאט דֶער אַרַאבֶּער אִים גֶעוָוארֶענְט אַז אוֹיב גֶעבְּט עֶר אִים נִישְׁט דִי בְּרָאנְפְּן וֶועט עֶר אִים חָלִילָה הַרְגֶ'נֶען, הָאט דֶער אִיד אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אַלֵיין נֶעמֶען דִי בְּרָאנְפְּן וָואס עֶר ווִיל, און דָאס אִיז אַ אִיסוּר דְּרַבָּנָן לוֹיט אַ שִׁיטָה פוּן תּוֹסְפוֹת (שבת ג. ד"ה בבא דרישא), און כָאטְש וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן גֶעצְוואוּנְגֶענֶערְהֵייט, אִיז דָאס אָבֶּער אַ פְּגַם אִין זַיין נְשָׁמָה[ד], און דִי בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה הָאט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז עֶר זָאל זַיין פַארְוָואגְלְט [אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] פַאר זִיבְּן יָאר, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין נְשָׁמָה וֶוערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט און עֶר וֶועט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַּן עֵדֶן.

**וֶוען** דֶער מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זֵייעֶר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם אִיד, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פַארְ'ן בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה און עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט "אִיךְ בִּין מַסְכִּים צוּ זַיין פַארְוָואגְלְט זִיבְּן יָאר אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיד, און לָאזְט בִּיטֶע אַרַיין דֶעם אִיד אִין גַּן עֵדֶן", און דִי בֵּית דִּין הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי רֵייד פוּן דֶער מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ, און זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעלָאזְט דֶעם אִיד אִין גַּן עֵדֶן, און דֶער אִיד הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַארְן מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ מִיט אַ שָׁאקְל מִיטְ'ן קָאפּ, און מֶען הָאט אִים גְלַייךְ גֶעפִירְט צוּם גַּן עֵדֶן.

**און** גְלַייךְ הָאט דִי בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה אָנְגֶעפַאנְגֶען דָן זַיין אִיבֶּער דִי יִסּוּרִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ, צוּלִיבּ זַיין אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט, עֶס קוּמְט זִיךְ דָאךְ נִישְׁט אַז אַ אִיד זָאל לַיידְן צוּלִיבּ זַיינֶע גוּטֶע מִידּוֹת, און בֵּית דִּין הָאט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז מֶען וֶועט אִים רֶעכֶענֶען זִיבְּן טֶעג אַנְשְׁטָאט דִי זִיבְּן יָאר, און אַזוֹי ווִי דֶער אִיד הָאט זִיבְּן זוּהְן וֶועט דֶער מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ דַארְפְן אַיינְשְׁטֵיין זִיבְּן טֶעג בַּיי דִי זִיבְּן זוּהן פוּן דֶעם אִיד, יֶעדְן טָאג בַּיי אַן אַנְדֶערְן זוּהְן, און דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר קֶענֶען לֶעבְּן רוּהִיג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**דֶער** מְקַדֵּשׁ מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִינְמִיטְן אַ לֵיידִיגֶע פֶעלְד, נִישְׁטָא קֵיין זֵכֶר פוּן דִי גַאנְצֶע פַּאלַאץ און אִירֶע אַלֶע צִימֶערְן, און פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעזֶעהְן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס ווִי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען מִיט גְלֶעזֶערְנֶע לֶעמְפּ אִין דִי הֶענְט צוּ מַאכְן

ד. וצריך לומר שהיה זה לפי גודל מדריגתו, שמעיקר הדין קיי"ל בסימן שכה סעיף ב) דמותר בגוי אלם, יעו"ש.

לִיכְטִיג, און װען זיי זענען אָנגעקומען צו אים, האט ער זיי געפרעגט ווי ער איז, האבן זיי אים געזאגט אז ער איז אין די בית החיים פון צפת! און זיי קומען יעצט צוריק פון א לויה, פון א איד א גרויסער צדיק וואס האט געהאט א קרעטשמע נעבן צפת! און ער איז אוועק פרייטאג צונאכטס.

**די** מענטשן האבן אים געפרעגט ווער ער איז און פון וואו ער קומט, ער האט זיי אבער נישט געוואלט פארציילן די גאנצע געשיכטע, ער האט זיי נאר געזאגט אז ער איז א איד וואס זוכט ווי צו גיין שלאפן, און די אלע זיבן זוהן פון דעם מענטש [וואס זיי זענען דארט געווען ביים לויה] האבן אים אנגעפאנגען צו בעטן אז ער זאל קומען צו זיי, און זיי האבן זיך אנגעפאנגען צו קריגן ווייל יעדער פון זיי האט געוואלט האבן די מצוה פון הכנסת אורחים, האט דער מקדש מלך זיי געזאגט "קריגט אייך נישט, איך וועל גיין צו יעדן איינעם פון אייך פאר איין נאכט".

**די** מעשה האט דער הייליגער בעל 'מקדש מלך' זי"ע פארשריבן אין די הקדמה פון זיין ספר אויף מסכת שבת, און ער שרייבט דארט אז זייער אסאך פון די חידושים וואס ער שרייבט אין דעם ספר זענען נתחדש געווארן אין דעם שבת וואס ער האט פארברענגט אין גן עדן!

**מען** דארף זיך ארויסלערנען פון די מעשה, צו טוהן א טובה פאר א צווייטע איד, אזוי ווי דער מקדש מלך וואס האט מסכים געווען צו גיין אין גלות פאר זיבן יאר, כדי עס זאל זיין גוט פאר א צווייטע איד, ווען ער האט בכלל נישט געקענט, אזוי דארפן מיר זיך משתדל זיין צו טוען גוטס פאר א צווייטן, פאר די וואס געפונען זיך אויף די וועלט, און אין א געוויסע בחינה נאך מער פאר נשמות וואס זענען שוין אויף יענע וועלט, ווייל נאר מענטשן וואס לעבן נאך קענען טוהן מצוות און מעשים טובים און ארויף גיין העכער און העכער אין עבודת ה', און ממילא ווען מען לערנט משניות אדער מען צינדט א ליכטל אדער מען געבט צדקה לעילוי נשמה, האט די נשמה א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר דער וואס האט איר געטוהן די טובה.

**אבער** בעיקר דארפן אונז געדענקען זיך צו זארגן און צו טוהן א טובה מיט 'אונזער נשמה', צו טראכטן גוטע מחשבות, צו מעורר זיין די הארץ צו גוטע זאכן, און צו טוען טאקע נאר גוטס.

**דער** ווילנער גאון זיע"א האט געזאגט, אז אפילו אויב די האמער וואס מיט דעם האט מען געבויעט די בית המדרש, איז געקויפט געווארן מיט א גוטע כונה, האט עס א השפעה אויף די מחשבות פון די אידן ביים דאווענען אין דעם בית המדרש, הגם די האמער א חיצוניות'דיגע זאך, **איז דאך אוודאי אז יעדע גוטע מחשבה פון אונז האט א געוואלדיגע השפעה אויף אונזער גאנצע עבודת השם.**

-ב-

# מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק

☆ דֶער הַארְבְּקֵייט פוּן שֶׁקֶר ☆ דֶער שֶׁקֶר בְּלַייבְּט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ ☆ וֵוייל עֶס אִיז דָא אוֹפַנֵּי הֶתֵּר דַארְף מֶען זִיךְ מֶער מַרְחִיק זַיין ☆ עַלְמָא דְשִׁיקְרָא☆ וָואס אִיז דֶער וֶועג אָנצוּקוּמֶען צוּם מִדַּת הָאֱמֶת ☆ דִי הַשְׁפָּעָה פוּן אֱמֶת אוֹיף אַלֶע דִּבּוּרִים פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ ☆ דוֹבֵר אֱמֶת אֲפִלּוּ בִּלְבָבוֹ

### דֶער הַארְבְּקֵייט פוּן שֶׁקֶר

**אִין** דִי וָואכְדִיגֶע פָּרָשָׁה שְׁטֵייט דִי מִצְוָה פוּן (כג ז) **מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק.**[ה] אוֹיסֶער פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיין, אַז דִי תּוֹרָה בַּאפֶעלְט אוּנְז צוּ רֶעדְן נָאר אֱמֶת, אוּן נִישְׁט רֶעדְן קֵיין לִיגֶענְט ח"ו, אִיז דָאס אוֹיךְ אַ שְׁלִיסֶעל צוּ קֶענֶען עֶרְפִילְן בִּכְלָל דִי מִצְוָה פוּן דִּינִים, וָואס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיפְּט מִצְוֹת פוּן דִי וָואךְ[ו], וֵוייל דֶער יְסוֹד פוּן דִּינִים אִיז מִדַּת הָאֱמֶת, אַ דִּין וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין דִּין.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט וָואס סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן, אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס דִי תּוֹרָה אַלֵיין בַּאפֶעלְט תִּרְחָק, אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוֵוייטֶערְן, אִיז דֶער אִסּוּר פוּן שֶׁקֶר. בֵּיי גָאר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזֶען פַאר וִויכְטִיג צוּ צוּלֵייגְן גְּדָרִים וּסְיָגִים, אָבֶּער בֵּיי שֶׁקֶר הָאט דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס גֶעשְׁרִיבְּן "תִּרְחָק" זִיךְ דֶערְוֵוייטֶערְן, דִי תּוֹרָה אַלֵיין הָאט גֶעמַאכְט דִי גְּדָרִים וּסְיָגִים אָז מֶען זָאל שְׁטֵיין וֵוייט פוּן לִיגֶענְט, **דָאס וֵוייזְט אוּנְז וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט, אִין דֶער הַארְבְּקֵייט פוּן שֶׁקֶר** (עיין שפת אמת שופטים ד"ה שופטים, דברי יואל פר' תולדות)

**אוֹיךְ** אִין חֲזַ"ל זֶעהן מִיר דֶער עִנְיָן, אַז וֵוייל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן **מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק** אִיז מֶען בַּאפוֹילְן זִיךְ צוּ דֶערְוֵוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר אוֹיף אַלֶע מִינֵי אוֹפַנִּים.

**וִוי** דִי גְּמָרָא (שבועות ל:, לא.) דַּרְשְׁ'נְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק, אַסַאךְ הֲלָכוֹת, וִוי צ. ב. ש. אַ דַּיָּן מֶעג נִישְׁט זִיצְן מִיט אַ בּוֹר – אַ לֵיידִיג-גֵייעֶר, אוּן אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים דֶער דִּין, וִויבַּאלְד דֶער לֵיידִיג-גֵייעֶר וָואס קֶען נִישְׁט קֵיין הֲלָכוֹת

**ה.** שיטת הסמ"ג (עשין קז) אז דאס איז א מצות עשה, און אזוי האלט אויך דער רבינו יונה (שערי תשובה שער ג אות קעט – קפא), דער חפץ חיים אין פתיחה (עשין יג) שרייבט אז לכולי עלמא איז דאס זיכער אן איסור מדאורייתא.

**ו.** די פרשה ווערט אנגערופן "משפטים", און זייער אסאך מצות פון די וואך איז מצות וואס ליגט אויף בי"ד, ווען עס ווערט א דין ודברים צווישן מענטשן.

וֶועט צוּמישְׁן און פַּארְדְרֵייעֶן דֶער דַיָּן, און עֶס וֶועט נִישְׁט אַרויס קוּמֶען אַ קְלָארֶע פְּסַק, און דֶער דַיָּן אִיז עוֹבֵר אויף מִדְבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק.

**אַזוֹי** אויךְ טָאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן קֵיין עֵדוּת, מִיט אֵיינֶעם וָואס עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז יֶענֶער אִיז אַ גַּזְלָן, טְרָאץ דֶעם וָואס דִי עֵדוּת אִיז אִינְגַאנְצְן אֱמֶת, דָאךְ טָאר עֶר נִישְׁט זָאגְן עֵדוּת מִיט אַזַא אֵיינֶער.

**און** עֶס אִיז מַשְׁמַע אַז דִי אַלֶע זַאכְן גֵייט אַרֵיין בִּכְלָל מִדְבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק מַמָּשׁ, אֲפִלּוּ דָאס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ שֶׁקֶר, אָבֶּער וִויבַּאלְד דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן זִיךְ צוּ דֶערְוֵוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר מֵיינְט עֶס אויךְ דִי אַלֶע פֶּעלֶער.

## דֶער שֶׁקֶר בְּלֵייבְּט אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ

**רַבֵּנוּ** הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמָאר זי"ע פְּרֶעגְט מְ'דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין פַארְוָואס טַאקֶע בַּאוָוארְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוֵוייטֶערְן פוּן שֶׁקֶר, וָואס אִיז דָאס מֶער וִוי אַלֶע מִצְוֹת.

**אִיז** דֶער רַבִּי זי"ע מְבָאֵר, אַז אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט ח"ו נִכְשַׁל דֶערִין, פַּסְלְ'ט עֶס נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעשְׁלָאגְן אִין מִדַּת הַשֶּׁקֶר, וֶוערְט דֶער גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ אַ לִיגְעֶנֶער, דִי מִדַּת הַשֶּׁקֶר אִיז מַשְׁפִּיעַ אויף זַיין גַאנְצֶע וֶועזְן אויף זַיין גַאנְצֶע מְצִיאוּת, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַ לִיגְעֶנֶער, אִין יֶעדֶע מִצְוָה און גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, הָאט אִין זִיךְ אַבִּיסְל שֶׁקֶר, בִּפְרַט בַּיי לֶערְנֶען תּוֹרָה וָואס אִיז דָאךְ תּוֹרַת אֱמֶת, חוֹתָמוֹ שֶׁל הקב"ה אֱמֶת, אִיז גָאר שְׁוֶוער, וֵוייל עֶר אִיז דָאךְ אַ שַׁקְרָן, זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט שֶׁקֶר[ז].

**דֶערְפַאר** זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה **תִּרְחָק**, שְׁטֵיי וֵוייט פוּן לִיגְעֶנְט!

## וֵוייל עֶס אִיז דָא אוֹפַנֵּי הֶתֵּר דַארְף מֶען זִיךְ מֶער מַרְחִיק זַיין

**נָאךְ** אַ טַעַם (וְקָרוֹב לָזֶה בְּסֵפֶר דִּבְרֵי יוֹאֵל שָׁם), וִויבַּאלְד עֶס זֶענֶען פַּארְהַאנֶען פֶּעלֶער וִוי מְ'מֶעג זָאגְן לִיגְנְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (כתובות טז: בתוס' ד"ה ישבחנו, בבא מציעא כג:, יבמות סה:) מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם, אָדֶער אֲפִלּוּ וִוי עֶס שְׁטֵייט עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל, אַז מְ'מֶעג אֲפִלּוּ אוֹיסְנַארְן מַמָּשׁ אַ רָשָׁע[ח], וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער תּוֹרָה "תִּרְחָק", צוּלִיב דֶעם וָואס עֶס אִיז דָא גֶעוִויסֶע פֶּעלְלֶער וָואס עֶס

---

**ז.** און דער רבי זי"ע ברענגט פון הרה"ק ר' פנחס קאריצער זי"ע פחד'דיגע ווערטער, ווען א מענטש איז א ליגענער, העלפט נישט קיין תשובה און חרטה, ווייל ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו זאגן ליגנט, ווערט זיין גאנצן מהות א ליגענער, און אפילו ער טוט תשובה, איז זיין תשובה זיכער נישט מיט א ריינע אמת'ע הארץ, וויבאלד ער איז איינגעוואוינט צו רעדן ליגנטס.

**ח.** באמת איז דאס נאר אן היתר פאר א גדול בישראל, א גרויסע און חשובע מענטש, וויבאלד סתם א מענטש האט דאך נגיעות צו זאגן ליגנט ווען עס איז גוט פאר אים, ממילא פעלט

אִיז מֻתָּר, מִמֵּילָא דַארְף דִי תּוֹרָה עֶקְסְטֶער אָנְזָאגְן מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק.

## עַלְמָא דְשִׁיקְרָא

**דֶער** צֵדָה לַדֶּרֶךְ - אַ תַּלְמִיד פוּן לְבוּשׁ, אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס טַאקֶע שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה בֵּיי שֶׁקֶר תִּרְחָק, **שֶׁאֵין לְךָ עֲבֵירָה תְּדִירָה מְצוּיָה כְּמוֹ דְּבַר שֶׁקֶר**, ווִיבַּאלְד דֶער וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לִיגְנְט אוּן בְּלַאפֶערַייעֶן, מֶען דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן מִיט אַ נִסָּיוֹן פוּן שֶׁקֶר, דֶער אַלְגֶעמֵיינֶע לוּפְט אִיז אָנְגֶעפַּאקְט מִיט שֶׁקֶר.

**אוּן** עֶר בְּרֶענְגְט צְוֵויי בֵּיישְׁפִּילְן פוּן חֲזַ"ל ווִי מֶ'זֶעהְט אַז דֶער וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט שֶׁקֶר.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין מִדְרַשׁ[ט] (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח ה) **כְּשֶׁבָּא הקב"ה לִבְרֹא הָעוֹלָם** ווֶען השי"ת הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, **אָמַר הָאֱמֶת לֹא נִבְרָא**, אִיז דֶער אֱמֶת גֶעקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעזָאגְט "בַּאשַׁאף נִישְׁט דִי וֶועלְט", ווַייל דִי וֶועלְט גֵייט זַיין אַ עוֹלָם הַשֶּׁקֶר.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִלּוּ נָאךְ פַאר שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית, אִיז גֶעוֶוען קְלָאר אַז דִי בְּרִיאָה קֶען נִישְׁט זַיין נָאר אוֹיב עֶס אִיז פַארְמִישְׁט דֶערִין שֶׁקֶר.

**אַזוֹי** אוֹיךְ זֶעהְן מִיר אִין דִי גְּמָרָא (סַנְהֶדְרִין צ"ז.), רָבָא הָאט גֶעזָאגְט: קוֹדֶם הָאט אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז **נִישְׁטָא קֵיין אֱמֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט**, בִּיז עֶס הָאט מִיר גֶעזָאגְט רַב טָבוֹת – אַן אָמוֹרָא, וָואס אֲפִלּוּ ווֶען מְ'וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַלֶעס פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת[י] – אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט "קוּשְׁטָא" -קוּשְׁטָא מֵיינְט אוֹיף אַרַאמִישׁ אֱמֶת- וָואס אִין דֶער שְׁטָאט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין לִיגֶענְט, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פַאר דִי

---

זיך אויס צו זיין א גרויסע מענטש צו קענען נוצן דעם היתר פון ליגנט, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית כז לה) **בא אחיך במרמה - בחכמת תורתו**, יעקב האט געקענט זאגן ווערטער וואס מען האט געקענט פארטייטשן יעקב אבינו'ס ווערטער ווי ליגנט, נאר ווייל ער האט געהאט דער כח התורה, נאר אזא גרויסע צדיק ווי יעקב דער בחיר האבות, מעג נוצן דעם היתר פון עם עקש תתפתל (דברי יואל שם עפ"י ריטב"א ב"ב קכ"ג.).

**ט.** הובא גם במהרש"א חידושי אגדות על גמרא סנהדרין (צז.) דלהלן.

**י.** א אנדערע גירסא אין די גמרא איז "רב טביומי".

מ'קען מרמז זיין אין די גמרא די גרויסע טובה וואס עס איז דא ווען א מענטש רעדט נאר אמת, ווי עס איז מרומז אין די נעמען פון די אמוראים וואס זענען געווען נזהר אין מדת האב, רב טבות און רב טביומי, א לשון פון טובה.

עס איז כדאי צו באצייכענען אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שרייבט אין א תשובה אויף זיין זון דער שינאווער רב זי"ע דער זעלבע לשון וואס עס שטייט דא אין די גמרא, אז אפילו פאר כל חללי דעלמא וואלט ער נישט משנה געווען פון מדת האמת.

צֵייט[יא], אוּן עֶר הָאט דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירֶען צְוֵויי קִינְדֶער.

**אַמָאל** – פַארְצֵיילְט עֶר וֵוייטֶער – הָאט זַיין וַוייבּ זִיךְ גֶעוַואשְׁן, אוּן אַ שְׁכֵנָה אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן מִיט אִיר, הָאט **רַב טֹבוֹת** נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן דֶעם אֱמֶת (וֶועגְן צְנִיעוּת) הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זִי אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, גְלֵייךְ זֶענֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן נִפְטַר גֶעוָוארְן בֵּיידֶע קִינְדֶער[יב].

**וֶוען** דִי מֶענְטְשְׁען פוּן דִי שְׁטָאט זֶענֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן "וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ?" הָאט עֶר זֵיי פַארְצֵיילְט, דֶער "אֶמֶת'ע" גֶעשִׁיכְטֶע אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט לִיגֶענְט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער שְׁטָאט, אַז עֶס זָאל נִישְׁט גוֹרֵם זַיין ח"ו מִיתָה פַאר דִי שְׁטָאטִישֶׁע אֵיינְוואוֹינֶער.

**מִיר** זֶעהְן פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לִיגְנְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָא רָבָא הָאט גֶעהַאלְטְן אַז בְּעֶצֶם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען קֵיין גַאנְצֶע אֱמֶתֶ'ע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אִין זִיךְ שֶׁקֶר, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין רֵיינֶע זַאךְ כֻּלוֹ אֱמֶת!

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען אִין רָבָא'ס צֵייטְן, מַה נַעֲנֶה אֲנַן אַבַּתְרֵהּ, הֵיינְטִיגֶע צֵייטְן אִין עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, וָואס עֶס אִיז לֵיידֶער פוּלְקָאם מְקֻיָּם גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (ישעי' נט טו) **וַתְּהִי אֱמֶת** נֶעְדֶּרֶת, דֶער אֱמֶתֶ'ע וֶועג אִיז בַּאהַאלְטְן, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לוֹיפְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן נָאךְ נָאכְן שֶׁקֶר מִיט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלוֹיף[יג].

**אִיז** אַוַודַאי גֶעוִויס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵיין אַז זוֹכֶה זַיין צוּ מִדַּת הָאֱמֶת אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ וָואס גֵייט מִיט

---

**יא.** נאך די צווייטע וועלט מלחמה האט דער גרויסער גאון וצדיק רבי מיכאל בער ווייסמאנדעל זי"ע געגרינדעט א נייע שטעטל נייטרא אין אמעריקא. ווען ער האט געשריבן די תקנות פאר די שטאט האט ער דארט מתקן געווען אז אויב מ'כאפט א מענטש מיט א ליגענט דארף מען אים ווארענען, און אויב עס העלפט נישט מוז ער זיך אוועקציהען פונעם שטאט.

עס קען זיין אז דער גרויסער צדיק וואס האט געפילט אין זיין הארץ די אבידה פון כלל ישראל ביי די צווייטע מלחמה, האט געוואלט מאכן א שטאט וואס קיינער וועט נישט שטארבן פאר די צייט. אבער למעשה איז ער אליין נפטר געווארן יונג און עס איז נישט געווארן אויסגעפירט למעשה.

**יב.** דער מהרש"א (ח"א בתוך דבריו) איז מרמז, אז ווען מען נעמט אוועק פון אמת אפילו נאר דער קליינער אלף (וואס איז די קלענסטע גימטריא), בלייבט רח"ל 'מת'.

**יג.** הגה"צ רבי יענקעלע פון פשעווארסק זי"ע האט פארציילט א געוואלדיגע מעשה, וואס ברענגט ארויס ווי ווייט אונז לעבן אין עולם השקר.

עס איז געווען א דיין וואס האט ליידער גענומען שוחד, זיין שטייגער איז געווען, ער האט געטראגן ברייטער שטיוול, און דער בעל דין האט אריין געווארפן דארטן געלט שטילערהייט, אז דער אנדערע בעל דין זאל נישט באמערקן, דער שטייגער איז געווען אז מען האט אריין

אַ מִינוּט, נָאר מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוַואנְיֶע דֶערוֹיף[יד].

### וָואס אִיז דֶער וֶועג אָנצוּקוּמֶען צוּם מִדַּת הָאֱמֶת

**וְוִי** אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינֶעם מִדַּת הָאֱמֶת, כָּאטְשׁ וָואס אוּנְז זֶענֶען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט שֶׁקֶר?. קֹדֶם כָּל דַארְף מֶען וִויסְן – אַ זַאךְ וָואס אִיז נוֹגֵעַ אִין יֶעדֶע עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת ה' – אַז יֶעדֶע קְלֵיין בִּיסְל וָואס מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף אֱמֶת, דֶערְהֵייבְּט מֶען זִיךְ, אוּן עֶס הֶעלְפְּט אַז מִיט דִי צַייט זָאל מֶען קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכֶן פוּן שֶׁקֶר.

---

געלייגט אינעם שטיוול פינעף קראנע"ן – א פולישע שיינע מטבע, וואס איז געווען א שיינע סכום - און אזוי פלעגט ער "וויסן ווער איז גערעכט... און ווי וועמען צו פסק'נען, ווי דער וואס האט אריין געלייגט דער שוחד.

איינמאל איז געווען איינער א קלוגער, און ער האט אפגעמאכט אז ער גייט אפטון דער דיין, און אנשטאטס אריין לייגן פינעף קראנע"ן, האט ער אריין געלייגט פינעף רוסישע קאפיקע"ס, א מטבע וואס איז בערך אזוי גרויס ווי דער פולישע קראנע"ן, אבער עס איז נישט ווערד צופיל, דער דיין האט געשפירט אז ער האט באקומען דאס געלט, און ער האט גע'פסק'נט אז ער איז גערעכט. ווען ער איז אהיים געקומען און באמערקט ווי יענער בעל דין האט אים פיין אויסגעפאפט, האט ער זיך אנגערופן צו זיין בני בית "קוק אין וואספארא עלמא דשיקרא מיר לעבן"...

ר' יענקעלע האט מיט א שמייכל אויסגעפירט, עס האט אים פארדראסן אז א צווייטע קען אויך זאגן ליגנט, דאס איז א מוסר פאר אונז, אריין צו טראכטן אז מיר זאלן נישט אויסזעהן ווי יענער דיין, אלע פאלטשקייטן פונעם וועלט קען מען נישט פארנעמען, אבער וואס איז מיט אונזער אייגענע וועלטל?...

**יד.** אויף מדת האמת דארף מען זיך אסאך פלאגן, און דאן העלפט השי"ת אז מ'איז זוכה דערצו.

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין ליזענסק, ער איז נישט געווען קיין גרויסע תלמיד חכם, ער האט געלערנט וויפיל ער האט געקענט, און ער פלעגט זיצן אין שול און אויסהערן וואס הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע פלעגט זאגן פאר זיינע גרויסע תלמידים.

איינמאל האט ער געהערט, ווי ר' אלימלך זאגט פאר זיינע תלמידים, אז ווער עס איז זיך משלים אין עבודת האמת מיט א שלימות, ער איז מצליח נישט צו זאגן א גאנצע טאג קיין איין ווארט שקר, **ווערט פארערעכנט ווי א צדיק הדור, און ער איז א בן עולם הבא.**

דער פשוטע איד האט מחליט געווען אז עס איז א גוט געשעפט, ער גייט אויס פּרובירן נישט צו רעדן א גאנצע טאג קיין ליגנט, ער האט געמאכט א חשבון אז צו רעדן און נישט רעדן ליגענט איז שווערער ווי בכלל נישט צו רעדן, האט ער געקלערט אז איין טאג וועט ער גארנישט רעדן, ממילא וועט ער נישט רעדן קיין ליגענט, און סוף כל סוף, וועט ער האבן עולם הבא.

**דורְכְדֶעם** וָואס אַ מֶענְטְש אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אִין דִי מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל אוּן סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמֶת אוּן דֶער גְנוּת פוּן שֶׁקֶר, וֶוערְט עֶר נִתְעוֹרֵר זִיךְ צוּ הִיטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.[טו]

## דִי הַשְׁפָּעָה פוּן אֱמֶת אוֹיף אַלֶע דִבּוּרִים פוּן דֶעם מֶענְטְש

**אַ** מוֹרָאדִיגֶע שֵׁיינֶע יְסוֹד שְׁטֵייט אִין עַרְבֵי נַחַל (פרשת נח דרוש ב) אַז אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אוֹיף דִי מִדַּת הָאֱמֶת נֶעמְט עֶס אַרוּם זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אוּן מְ'וֶוערְט גָאר דֶערְהוֹיבְּן, עֶר אִיז מַסְבִּיר אַז יֶעדֶער דִבּוּר פוּן אַ מֶענְטְש הָאט גָאר אַ שְׁטַארְקֶער הַשְׁפָּעָה אוֹיף דֶער מֶענְטְש, אוֹיבּ אִיז דָאס הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, וֶועט זַיין נְשָׁמָה דֶערְהוֹיבְּן, אוֹיבּ חַס וְחָלִילָה אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע וֶוערְטֶער, וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה פַארְשְׁמִירְט אוּן שְׁמוּצִיג ה' יְרַחֵם, ווידֶערְאוּם, אוֹיבּ אַ מֶענְטְש רֶעדְט דִבְרֵי רְשׁוּת, נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל הֵיילִיג, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קֶעגְן תּוֹרָה, הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט

---

די קומעדיגע טאג האט ער האט זיך איינגעשפארט אין א צימער א גאנצע טאג, אזוי זאל ער נישט צוקומען צו דארפן רעדן מיט קיין שום מענטש, נישט דארפן צוקומען אויך נישט צו זאגן שקר.

זיין משפחה האט נישט געוואוסט וואס גייט פאר, זענען זיי געקומען געהאקט אויפן טיר, אין קול ואין עונה, האבן זיי מחליט געווען אויפצוברעכן די טיר, ווען ער האט געזען ווי דער מצב האלט האט ער געעפענט און געווינקען אז **היינט רעד איך נישט.**

למעשה איז דעמאלטס געקומען דער שכן א גוי בארגן א האק, און דער איד האט געוויזען אז ער האט נישט קיין האק, סוף טאג ווען ער האט געמיינט אז ער האט מצליח געווען, זעהט ער ווי עס שטעקט זיך ארויס אונטערן בעט א האק, איז ער געווארן זייער צובראכן, איז ער געלאפן צום רבי ר' אלימלך פארציילן די מעשה, האט דער רבי ר' אלימלך אים מסביר געווען אז מדת האמת איז מען נישט קונה אין איין טאג, מ'דארף הארעווען און זיך פלאגען און צום סוף איז מען זוכה דערצו.

**טו.** אין דער בריוו וואס דער רמב"ם האט געשריבן צו זיין זוהן רבי אברהם, שרייבט ער דארטן וועגן שקר, אז עס קען אמאל אויסזעהן פר א מענטש, אז עס לוינט זיך צו זאגן א ליגנט, און נאר מיט שקר וועט ער מצליח זיין, זאגט דער רמב"ם "אז מיט שקר קען מען קיינמאל נישט פארדינען, דורך זאגן און האנדלען מיט בלאפערייען און שקרים דערלייגט מען", און נאר מיט אמת קען מען פארדינען. נאך שרייבט דארטן דער רמב"ם, אז אמת איז א קלייד פארן נפש, עס באשיצט דער נשמה, און עס געבט כח און שטארקייט פאר די גוף, **ולא מצאתי רפואה לרכות הלבב כהרכבת האמת והצדק**, עס איז דער בעסטע רפואה פארן מענטש.

און ווי חז"ל זאגן (עיין בטור חושן משפט סימן א) **שקר אין לו רגלים**, ליגענט האלט זיך נישט, אבער דער וואס גייט מיטן ריכטיגקייט מיטן דרך האמת, אזא איינער וועט מצליח זיין, אפילו עס זעהט אויס ווי ער דערלייגט, אבער צום סוף וועט ער זעהן אז דער איינציגסטער וועג ווי אזוי צו קענען לעבן, איז מיט אמת, **אמת מארץ תצמח.**

קֵיין רוֹשֶׁם נִישְׁט אוֹיף גוּטְס און נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְטְס.

**זָאגְט** אָבֶּער דֶער עַרְבֵי נַחַל, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גִיבְּט אַכְטוּנְג און עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג נָאר אֱמֶת, **וֶוערְט אוֹיף זַיינֶע דִּבְרֵי רְשׁוּת דֶערְהוֹיבְּן**, וַוייל אִין אַלֶע זַיינֶע דִּבּוּרִים הָאט עֶר אַ קִיּוּם מִצְוָה פוּן רֶעדְן אֱמֶת.

**אִין** נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה עַל הַפָּסוּק וְעָשִׂיתָ) שְׁטֵייט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּבְּרֶעכְן פוּן זִיךְ דֶער מִדַּת הַשֶּׁקֶר בִּיז צוּם סוֹף, און דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר מִמֵּילָא אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת און אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת וֶועלְן וֶוערְן צוּבְּרָאכְן.

## דּוֹבֵר אֱמֶת אֲפִלּוּ בִּלְבָבוֹ

**דֶער** מְסִלַּת יְשָׁרִים (פרק י"א) רֶעדְט אַרוּם וֶועגְן מִדַּת הַשֶּׁקֶר, און עֶר שְׁרֵייבְּט אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן דֶערְמַאנְט אוֹיבְן אַז דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט **מִשֶּׁקֶר תִּשְׁמָר**, מְ'זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן שֶׁקֶר, נָאר **מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק**, אוּנְז צוּ מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע דֶערְוֵוייטֶערוּנְג וָואס מִיר דַארְפְן הָאבְּן פוּן דִי מִדָּה פוּן שֶׁקֶר.

**און** דֶער מְסִלַּת יְשָׁרִים דֶערְמַאנְט אַז חֲזַ"ל (מכות כ"ד. וברש"י) לָאזְן אוּנְז הֶערְן מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב סַפְרָא, דֶער גְרוֹיסֶער חִיּוּב וָואס עֶר אִיז דָא צוּ רֶעדְן אֱמֶת אֲפִלּוּ בִּלְבָבוֹ.

**רַב** סַפְרָא הָאט פַארְקוֹיפְט חֲפֵצִים, אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּ קוֹיפְן אַ זַאךְ און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פַאר רַב סַפְרָא צוּ דִי פְּרֵייז אִיז אַזוֹי און אַזוֹי, און רַב סַפְרָא וַוייבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן קְרִיאַת שְׁמַע הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֶוען דֶער סוֹחֵר הָאט גֶעזֶעהְן אַז רַב סַפְרָא מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּהְן, אִיז עֶר אַרוֹיף מִיטְן פְּרֵייז, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר רַב סַפְרָא אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן מֶער, וֶוען רַב סַפְרָא הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען וִוי זַיין מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעוֶוען אָנְפַאנְג, וַוייל עֶר הָאט מְקַיֵּים וְדוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אִינְעֶם מִדַּת הָאֱמֶת, וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, און מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען הַשי"ת בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, אָן קֵיין שׁוּם שְׁקָרִים און בְּלָאפֶערַייעָן, וְצַדְּקֵנוּ בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים.